# נייעס און באַריכטן

וואס זענען לעצטענס געליפטערט געוואָרן אויפ'ן "קול נטרונא" סיסטעם

פרייטאג פ' ראה כ"ו אב תשע"ד


**די באריכטן ווערן אַראָפּגענומען פון די וועכענטליכע אַפּדעטיס וואָס ווערן געהערט אויפ'ן "קול נטרונא" טעלעפאָן ליניע, און איז דעריבער, שטייגערליך, רעדאַקטירט ספּעציעל עס זאָל דינען דעם מינדליכן באַנוץ. די פאָלגענדע נייעס איז אַ בלויזער ציטאַט דערפון וואָס מיר שיקן צוליב דעם גרויסן פאַרלאַנג, ככתבו וכלשונו.**

# עוד יזכר לנו אהבת איתן אדונינו

הנה זה עומד אחר כותלינו. בדחילו ורחימו גרייטן זיך אידן אומעטום צו דעם גרויסן יומא דהילולא רבא, דער 34'סטן יארצייט פון דעם רעי' מהימנא קדישא, אור חיינו ורוח אפינו אשר אמרנו בצלו נחי' בגוים, רביה"ק מסאטמאר זכותו הגדול יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.

עוד יזכר לנו אהבת איתן אדונינו, דער שריד האחרון פון די פריערדיגע צדיקי אמת ומנהיגי האומה, די נשמה גבוה וטהורה, וואס די השגחה עליונה האט ברוב רחמיו וחסדיו באשטימט אלס א מתנה פאר דעם לעצטן ארים דור, אויפצושטעלן א ערליכע און ריינע כלל ישראל, צו איבערפלאנצן פונדאסניי די אלטע תורה, די ריינע אמונה פאר דעם לעצטן דור, אויפצוהייבן נשמות ישראל מיט די הייליגע תפלות און תורות, און צו אויפבויען א מיליטער, א לגיון של מלך, וואס זאל קענען מקבל זיין דעם מלך המשיח באנפין נהירין, להציל אותו מידם להשיבו אל אביו שבשמים.

אין די זמנים ארום יומא דהילולא ווערט פריש ערוועקט ביי אידן די רגשי הלב, אידן זענען מעלה אויפן געדאנק די לעכטיגע און הייליגע זמנים ווען מיר געהאט די זכי' מיטצולעבן די תקופה פון סוהרה במילואה, ווען דער איש קדוש איז געווען עובר עלינו תמיד, די שיינע צייטן ווען דער מציל הדור ומושיעו האט מאציל געווען מהודו אויף יעדן איינעם פון אונז בפרטיות. דטב להון לישראל בצלותי ובעותא.

## הרכיבו על כתיפו והי' מהלך:

דער רבי האט זיך געזארגט ווי א געטרייער טאטע פאר די רוחניות פון אידן נישט וויניגער פאר די גשמיות פון אידן. דער גרויסער עבד ה' מיט אלע זיינע הויכע מדריגות און הימלישע עבודות פון צדיקי אמת אין וועלכע מיר האבן נישט דאס מינדסטע השגה, איז אבער אין זעלבע צייט געווען דער עבד פאר אידישע קינדער, אלס דער גרויסער רועה אבן ישראל, וואס האט מיט רחמנות און ליבשאפט זיך אפגעגעבן און געפלעגט דעם כרם ה' צבקות בית ישראל, מיט אלע זייערע רוחניות'דיגע און גשמיות'ידגע באדערפענישן, גענוי ווי דער מדרש זאגט ביי משה רבינו וואס האט אויפגעהויבן א דארשטיגער שעפעלע און געטראגן צום קוואל, 'הרכיבו על כתיפו והי' מהלך, אמר הקב"ה יש לך רחמים לנהוג צאנו של




קול נטרונא

באַריכטן • אָפּהאַנדלונגען
אַנאַליזן • שיעורים • דרשות

718.873.0055

True Torah Jews Inc.
183 Wilson St. #162
Brooklyn NY 11211

Phone:
718.841.7053
Fax:
718.504.4513
Email:
info@truetorahjews.org

מעמבערשיפ
מיט נטרונא
$360
לשנה


## רצון קדשו של מרן רבינו הקוה"ט זצוקללה"ה

**... לדעתי אפשר לקבץ אפילו אלף אנשים מבני ישראל הכשרים שירצו להשתייך למסגרת זו... וזה יהיה כח גדול בע"ה.....**

**אם אין לנו קיבוץ מאוחד של אנשים הרשומים בחבורתינו, אז מבטלים אותנו ואת כל פעולותינו, ואומרים, מי הם ? וגם באמעריקא אף שמדינה זו מרובה היא באוכלוסין, מכל מקום חבורה של אלף איש נחשבת כחבורה חשובה, ואפשר לקבץ אנשים גם משאר מדינות, מחוץ לגבולות ארצה"ב.**

לכל פעולה שרוצים לעשות נחוץ כסף לדבר, ובלעדי מעות אינו אפשר לעשות כלום, ולדאבונינו אין הפרוטה מצויה... ואין בדעתי ח"ו להטיל עול של סכום גדול על יחידים, אלא חושב אני שכל יחיד יתן בסך הכל רק 10 דולר לשנה, בתור דמי חבר, ומזה יתקבץ לערך סכום של 10,000 דולר לשנה, ובסכום כזה אפשר בס"ד לפעול הרבה..

(מספר בוצינא קדישא)

# נייעס און באַריכטן

## וואס זענען לעצטענס געליפטערט געוואָרן אויפ'ן "קול נטרונא" סיסטעם

ב ש ר ודם, כך חייך אתה תרעה את צאני ישראל, הַוֵי ומשה הי' רועה.'

**עָלֶיהָ, לִבְנֵיכֶם סַפֵּרוּ; וּבְנֵיכֶם, לִבְנֵיהֶם, וּבְנֵיהֶם, לְדוֹר אַחֵר**, מיט בלוט און טרערן פון זיין ריין הארץ, א שטיין נאך א שטיין, א ציגל נאך א ציגל, האט דער רבי זיך געמיט מיט אומבאגרייפליכע כוחות, און געבויעט א כלל ישראל לשם ותפארת. כמה גדולים מעשי חייא דעבד לה לתורה שלא תשתכח מישראל, דער רבי האט מיט זיינע הייליגע ספרים, מיט זיינע הארציגע תורות, און מיט זיינע נעימות'דיגע תפלות, ארייגעברענגט א אייביגע ליכטיקייט אין אידישע הערצער, מקרב געווען לבבות ישראל לאביהם שבשמים, און אויסגעטרעטן דעם וועג אז אידן זאלן קענען זיך פירן באמונה ובקדושה אויך אינעם דור פון אחרית הימים.

**'לא מאסתים ולא געלתים לכלותם שהעמדתי להם בית רבי וחכמי הדורות'**. דער הייליגער רבי זי"ע, דער עיר וקדיש מן שמיא וואָס די השגחה עליונה האָט געפירט אַז ער זאָל באַלייכטן אונזער דור שפל, האט געווידמעט זיינע גרעסטע כוחות הקדושה אויף דעם גרויסן ענין פון באקעמפן די טומאה הכלליות פון ציונות אין אלע אירע פארמען.

אין אונזער דור ווען דער טיפסטער און שרשיות'דיגער טומאה - וואס איז כולל אין זיך אלע טומאות וואס איז נאר געווען אין די בריאה- דער טומאת הציונות האָט באַקומען דעם כח שולט צו זיין מיט אַזאַ גרויזאַמע שטאַרקקייט די כוחות הטומאה האבן באקומען רשות צו איינעמען די וועלט, האָט אויסגעפעלט ווי אַ קעגנגעוויכט אַזאַ איש אלקים ווי דער רבי זי"ע וואָס זאָל מיט זיין אומבאַגרייפליכע כח הקדושה באַקעמפן די טומאה, און ווי דער רבי האָט זעלבסט עדות געזאָגט אויף זיך אַז ער איז אַראָפּגעקומען אויף דער וועלט "אויסצושרייען דעם אמת." תחת אשר קנא לאלקיו ויכפר על בני ישראל.

וויפיל בלוט האט די ביטערע כת געגאגט פון דעם צדיק הדורות, מיט וויפיל הארוואניע עד מיצו הנפש האט דער גרויסער שר צבא ה' לוחם געווען אקעגן די מנאצי ה'. און ביים רבי'ן איז טאקע באשיינפערליך מקוים געווארן די דברי הנבואה וַאֲנִי הִנֵּה נְתַתִּיךָ הַיּוֹם, לְעִיר מִבְצָר וּלְעַמּוּד בַּרְזֶל וּלְחֹמוֹת נְחֹשֶׁת--עַל-כָּל-הָאָרֶץ וְנִלְחֲמוּ אֵלֶיךָ, וְלֹא-יוּכְלוּ לָךְ: כִּי-אִתְּךָ אֲנִי ה' להצילך.

די הייליגע מלחמה איז געפירט געווארן דורך דעם צדיק הדורות, די תורות וואָס זענען געזאָגט געוואָרן מיט מסירת נפש ממש, פון א הארץ וואָס האָט געטריפט בלוט און טרערן פאַר'ן בורא כל עולמים, דברי אלקים חיים יוצאים מפורש מפי כהן גדול בבכיות עצומות פון דעם רבן של ישראל מרן רביה"ק מסאַטמאַר זי"ע אינעם קליין בית המדרש'ל אויף בעדפארד עוועניא.

## ואת קולו שמענו מתוך האש:

דער רעיא מהימנא קדישא האט אין זיינער צייט געקלאגט על עם ה' ועל בית ה' שנפלו בחרב, ווען אידן זענען געווען איבערגענומען פון שמחה איבער די נייע אידישע מדינה וואס מען האט עררייכט האט אבער דער רבי געוויינט אויפן הייליגן לאנד וואס איז אריינגעפאלן צו די טמא'נע



זה השער להי' צדיקים יבואו בו

ספר

ויואל משה

לבאר דיני השלש שבועות, שנאמרו בנביאות, בעניני קץ הישועות, גם לבאר דיני מצות ישיבת אה"ק וכל המסתעף בענינים אלו להלכה ולמעשה

אשר אספתי ולקטתי ממקומות הנאמנים וברורים בחמלת ה' עלי בזכות אבותי ורבותי הקדושים נ"ע זלה"ה זי"ע ועכ"י

הק' יואל טייטלבוים

ברוקלין יצ"ו, שנת ה' תשכ"א

נדפס בבית דפוס מענדל דייטש ברוקלין, נוי יארק

הענט פון דער מלכות המינות, עַל רִגְשַׁת מְגַדְּפֶיהָ בְּתוֹךְ מִשְׁכַּן חֲצֵרֶיהָ. אידן האבן אין די נאכפאלגענדע יארן געהערט דעם הייליגן וויי געשריי וואס האט געשאלט און געוויינט ווי די נביאי ה' בשעתם אויפן גרויסן אומגליק פון דאס אידישע פאלק, ואת קולו שמענו מתוך האש, דער ווייטאג אויפן חילול כבוד שמים און דער ציטער פארן שרעקליכן אריכות הגלות האט זיך איבערגעגאסן אין א טייך פון געוויין און התעוררות מנהמת לבו הטהור פון דעם אמת'ן אוהב ישראל און עבד ה' וועלכע האט אויפגעציטערט דאס קליין בית המדרש'ל און האט אפגעקלינגען איבער די גאנצע וועלט.

בשעתו האט אזעלכע ווערטער אויסגעזען עטוואס שארף און איבערגעטריבן, אבער ס'האט נישט לאנג געדויערט צו זעהן ווי די רייד זענען בגדר דברי נביאות פון דעם חכם עדיף מנביא, א בלינדער קען זען ווי לא נפל מכל דבריו הק' אָרצה, דער גרויסער רועה ישראל האט געזען בעיניו הבדולחות ווייטער און טיפער פון אלע.

## די טבע פון אמת און יושר:

דאס ענין איז מבואר אין ספר הק' באר הגולה פון הייליגן מהר"ל, אין שער הרביעי טוט דער מהר"ל ערקלערן אז מען זאל נישט מאכן שנעלע מסקנות פון לערנען זיין ספר, שאם יקרא דברים אלו ולא יכנסו בלבו שיחזור ויקרא ויעיין עוד, כי הדברים האלו לא יכנסו בלב הקורא רק בעיון רב מאוד.

און דער מהר"ל איז מסביר בלש"ק: **כי כך הם כל דברי אמת ויושר, נראים רחוקים בתחלת העיון, ולבסוף יתגלה ויאירו כשמש בצהרים.** דאס איז דער שטייגער פון אמת'ע און ריכטיגע דיבורים, אנהויב זעט עס אויס רחוקים און נישט מסתבר, אבער שפעטער שטעלט זיך ארויס ווי ריכטיג עס זענען די ווערטער.

די וועלט האט עס נישט פארשטאנען ווייל דער דרך העולם איז צו לעבן און טראכטן אויבערפלעכליך בשטחיות, מענטשן האבן זיך בשעתו געוואונדערט וואס דער רבי וויל, וואס איז אזוי געפערליך? מען חזר'ט אזויפיל די זעלבע נקודות, אבער ווי דער מהר"ל זאגט כי כך הם כל דברי אמת ויושר, וואס א יאר שפעטער שטעלט

# נייעס און באַריכטן

### וואס זענען לעצטענס געליפטערט געוואָרן אויפ'ן "קול נטרונא" סיסטעם

זיך ארויס כמה גדולים דברי חכמים, עס ווערט נתאמת אלעס וואס ער האט געזאגט און געזען בעיניו הבדולחים.

## די קראַטנקייט פון שכל:

דער רמב"ם, אין דער הקדמה צום פירוש המשניות, איז מסביר אז פונקט ווי עס זענען פאראן מענטשן מיט א בעסערן מזג און מענטשן מיט א שוואכערן מזג זענען דא מענטשן בעלי דעת וואס פארשטייען ענינים טיפער און בעסער פון אנדערע מענטשן וועלכע קענען נישט משיג זיין זייער חכמה, וז"ל: הדעות יש להם יתרון זה על זה, כפי יתרונות המזגים. **וכמו שנמצא מזג איש אחד שהוא ישר ממזג איש אחר**, כן יש שכל איש אחד שלם משכל איש אחר. **ובשביל זה יש דברים שהם בעיני אנשים בתכלית האמת והביאור, ואצל איש אחר הם רחוקים ונמנעים, מהיותם על פי המעלה בחכמה.**

אויב זענען די ווערטער פון רמב"ם געזאגט געווארן אויף פשוט'ע שכליות פון מענטשן אויף דער וועלט, איז עס דאך פולפאכיג שטארקער ווען עס איז די רעדע פון דעם רבי'נס שכל אלקי, דער גרויסער דעת עליון וואס האט געזען און פארשטאנען בעומק הפלגת חכמתו ותבונתו מיט א שטוינענדע טיעפקייט דער גרויסער אומגליק פון דעם ציוניסטישער רעיון.

אין זיינער צייט זענען די ווערטער ביי מאנכע געווען דברים מוזרים, מאדנע רייד וואס איז אויפגענומען געווארן ביים המון מיט סקעפטיציזם, ווי ס'איז דער לשון הרמב"ם, **ובשביל זה יש דברים שהם בעיני אנשים בתכלית האמת והביאור, ואצל איש אחר הם רחוקים ונמנעים**, פאר פשוט'ע מענטשן מיט קליינע מוחות איז געווען אומפארשטענדליך די אלע ענינים וואס דער רבי האט מסביר געווען. ווי א רבי אין חדר האט ער צולייגט און פארשטיין געגעבן כלל ישראל מיט וואס מען שפילט זיך דא די געפערליכע חירוף וגידוף, די מרידה בגזירת הגלות, די כפירה בהבטחת התורה, די כפירה בהשגחה, אין די הנהגה פון השי"ת מלך ישראל וגואלו, די פגיעה אין ביאת המשיח, די העברה על השבועות. צוביסלעך צוביסלעך זעיר שם זעיר שם האבן אידן אנגעפאנגען יורד צו זיין לסוף דעתו הק'.

## כמה הכרתך חזקה - די גרויסע בהירות האמונה יותר מהשמש בצהרים:

דער הייליגער רמב"ם אין די הקדמה צום פירוש המשניות לגבי א נביא שקר וואס ווייזט אותות ומופתים, טאר מען זיך נישט חלילה רעכענען מיט אים, והנביא ההוא או חולם החלום ההוא יומת, ווייל **השכל, המכזיב עדותו, יותר נאמן מעין שהוא רואה אותותיו**. ווייל דער שכל און די קראנטע אמונה וואס לייקנט זיין עדות'שאפט איז מער באגלייבט און מער קראנט ווי די אותות און נבואות פון דעם נביא שקר.

אחד הי' אברהם, רביה"ק מסאטמאר זי"ע דער גרויסער מאמין וואס האט זיין חכמה אלקית גענומען בלויז פון די תורה הק', דער רבי האט אלעס געוואוסט און אלעס געקענט אבער דאס מציאות האט ביי אים קובע געווען זיין פעלזן פעסטע אמונה אין יעדן פסוק חומש און אין יעדן מאמר חכז"ל, דאס איז ביי אים געווען דער מציאות און נישט די כשפי העולם וואס האט פארנארט די וועלט. די מציאות איז ביי אים געוועהן זיין הבנה אין אמונה וחכמת אלוקית און נישט וואס די פליישיגע אויגן שטעלט פאָר.

ביים רבי'ן זי"ע איז די דברי הגמרא אין כתובות געווען א פאקט וואס מען קען נישט רירן, די אזהרות פון חכמז"ל און ספה"ק איז געווען א לעבעדיגער מציאות וואס מען קען נישט משנה זיין, ווי דער רבי שרייבט אויף די ווערטער פון מהר"ל לגבי די שלש שבועות החמורות בלש"ק, 'ואריה הוא דרבץ עלי'.

דער רבי האט מיט זיין גרויסן בהירות אין אמונה געזען פאר זיך דעם אמת'ן גרויסן בילד, וואס איז נישט אויפגעכאפט געווארן דורך אנדערע וואס האבן בלויז געזען דעם ערדישן גשמיות'דיגן מציאות



# נייעס און באַריכטן

## וואס זענען לעצטענס געליפטערט געוואָרן אויפ'ן "קול נטרונא" סיסטעם

וואס האט זיי פארמירט דעם מהלך המחשבה. דרייען קען מען מיט די וועלט און נישט מיט די תורה, ווייל די תורה איז די מציאות, און די מציאות קען מען נישט טוישען. ווי עס איז דער לשון פון מהר"ל אין ספר תפארת ישראל פרק י"ח: והן הן הדברים אשר **אמרנו כי כל דברי תורה הם מוכרחים להיות ואין מציאותם במקרה.**

אנדערע גדולי תורה וואס האבן געלעבט אין זיין תקופה האבן געזען דעם מציאות העולם, ס'איז דא א מדינה, זיי האבן א מיליטער, שאסייען און בנינים, און בעקיפין איז מען דערפון נשפע געווארן ווייל מדינה שאני מ'זעהט דאך א מדינה. פארשטענדליך אז די תורה הק' האט זיך געמוזט צופאסן צו דער מציאות, האט מען געמוזט ערפינדן היתרים און דריידלעך מכל הבא ליד כדי צו בארואיגן די געפילן און קענען ווייטער פאכענען מיט די תורה

דער צד השוה איז אבער געבליבן אז פאקטיש איז פארהאן א מדינה, און מען ברויך זיך צושטעלן צום מציאות, די איינציגע ברירה איז געבליבן אריינצולערנען און בייגן די תורה לויט'ן פארלאנג וואס האט זיך געשאפן מיט'ן מציאות.

דאס איז דער גרויסער חילוק פארוואס כל גדולי ישראל לפניו כקליפת השום, ווייל די רבי איז געווען דבוק צו די תורה הק' און די פסוקי התורה איז ביי אים געווען די 'מציאות'. זיי ווערטער זענען געווען באזירט אויף דברי חכז"ל און דאס איז פארוואס עס שטעלט זיך ארויס מיט יעדן פארבייגענדן יאר, כמה צדקו דבריו הק', ווי גערעכט ער איז געווען און ווי ווייט ריכטיג עס איז געווען יעדעס ווארט וואס ער האט אין זיינער צייט געזאגט. ווייל ווי פארשטענדליך איז די מציאות די תוה"ק, הקב"ה אסתכל באורייתא וברא עלמא, יָבֵשׁ חָצִיר נָבֵל צִיץ וּדְבַר אֱלֹהֵינוּ יָקוּם לְעוֹלָם.

## אבן טובה היתה תלויה בצווארו שכל חולה אמונה הרואה אותו מיד מתרפא:

בא חבקוק והעמידן על אחת וצדיק באמונתו יחי', ביים רבי'ן זי"ע, דער לעצטער צדיק אמת וואס האט באלאכטן די וועלט פאר ביאת המשיח, האבן אידן זוכה געווען מיטצולעבן אפס קצהו פון



די טיפע און ריינע אמונה וואס האט געקוועלט פון דעם הייליגן מוח.

דער רבי' זעלבסט האט דערויף עדות געזאגט כטוב לב המלך ביין ביי די סעודת משתה היין פורים תשי"ט ווען ער האט זיך ארויסגעכאפט בלש"ק: איך האף אז מיט דעם וועל איך מיך טרייסטן, איך ווייס מיין נידריגקייט, אזויפיל נחמה האב איך, איך האף אזויפיל איך ברענג אריין אין יודען אז זיי זאלן האבן אמונה אין השי"ת, דאס אליין טרייסט מיך, **דער כח האמונה איז מער פון אלעם.**

עס שטייט אין ספר עקידת יצחק אויף די ווערטער פון די גמרא אין בבא בתרא רבי שמעון בן יוחי אומר אבן טובה היתה תלויה בצווארו של אברהם אבינו שכל חולה הרואה אותו מיד מתרפא, אז דער אבן טובה איז געווען דיבורי אמונה וואס אברהם אבינו האט מאיר געווען פאר מענטשן, דאס האט געהאט דעם כח צו היילן און מרפא זיין. דאס איינציגע איז עס געווען די הייליגע דיבורי אמונה וואס דער רבי זי"ע האט משפיע געווען פאר אידן, מיט די לעכטיגע דיבורים זענען נתרפא געווארן אלע ספיקות און אויסגעקלארט געווארן אלע בלבולים.

אלס דער בריח התיכון פונעם רבי'נס הפלא'דיגע תורות אדער הערענדיג די קריאת התורה האט זיך ארויסגעשריגן דער בראשית ברא אלקים וואס האט נישט געלאזט קיין צעמישעניש און מאיר געווען עיניהם ולבן של ישראל. ווי די באקאנטע ווערטער פון הייליגן רמב"ם **כי יקר בעיני ללמד עיקר מעיקרי הדת והאמונה יותר מכל אשר אלמדהו.**

דבר ה' אשר הי' אל יואל, עד היום הזה, טוען די הייליגע ווערטער דערלייכטן דעם חשכות הזמן מיט אן אויסטערלישע בהירות און ריינקייט, אמרות ה' אמרות טהורות מזוקקים שבעתים. צענדליגער יארן נאכדעם וואס דעם רבי'נס תורות זענען געזאגט געווארן האבן אידן א חיות דערינען און זענען מקבל דערפון אוצרות מלאים כל טוב אמונה ודעת אין אלע שווערע זמנים.

אזוי שטייט אין ספה"ק דברי יואל פרשת במדבר בלש"ק דיבור אמיתי מצדיק אמת שלמד תורה לשמה זורח ומבהיק עד סוף כל הדורות, בכל מקום שיש איש ישראל המבקש את האמת יכול להתחזק ולאחוז בדיבור הזה, וכחו חזק להשפיע גם לדורות יבואו.

די תורה פון א צדיק אמת איז א נצחיות און

# נייעס און באַריכטן

וואס זענען לעצטענס געליפטערט געוואָרן אויפ'ן "קול נטרונא" סיסטעם

איז קאי וקיימי לדורות עולם צו באלייכטן דעם וועג פאר אידישע קינדער. עס ווערט מער און מער נתאמת זיינע ווערטער און ס'ווערט מער און שטארקער נתברר ווי ווייט ער האט געזען, ווי ווייט ער האט פארשיינט, לדעת את הדרך ילכו בה ואת המעשה אשר יעשון.

## הודאי שמו כן תהלתו:

אט די קלארע אמונה האט זיך איבערגעגאסן אין די הייליגע תפלות פון דעם עמוד צלותהון דישראל, ווי עס שטייט אין ספה"ק עבודת ישראל, הודאי שמו כן תהלתו, ווי מער ס'איז הודאי שמו, כן תהלתו אלס שטארקער איז די עבודת התפלה. דער רבי וואס איז געווען דער עמוד האמונה איז גלייכצייטיג געווען דער זייל פון תפלה אין די לעצטע דורות.

פאר שעות לאנג האט אידן געקענט הערן און נישט זאט ווערן פון דעם רבינ'ס דאווענען אנגעפאנגען פון עד הנה, דער נעימות פון קל אדון על כל המעשים, הערן ווי שיין דער רבי פארציילט פאר אידען מיט אזא עמקות ווי אזוי דער מלאכים ושרפים זינגען פאר השי"ת שירות ותשבחות, וְהָאוֹפַנִּים וְחַיּוֹת הַקֹּדֶשׁ בְּרַעַשׁ גָּדוֹל מִתְנַשְּׂאִים לְעֻמַּת שְׂרָפִים, דער געוואלדיגער תשוקה לגאולה ביי אור חדש על ציון תאיר, דער אהבת התורה ביי אהבה רבה און די בכיות נוראות מהר והבא עלינו חיים ברכה ושלום ותוליכנו מהרה קוממיות לארצינו, דער השתפכות הנפש ביי צור ישראל קומה בעזרת ישראל, ווער רעדט נאך ווען ס'איז געקומען די זמני קודש פון די חגים וזמנים לששון, וויפיל טרערן אידן האבן פארגאסן ביי די הייליגע תפלות פון ומפני חטאינו גלינו מארצינו, און די מורא'דיגע תפלות אין די ימים הנוראים וואס האט אויסגעוואשן אידישע הערצער מיט תשובה שלמה.

## אני עבדך בן אמתך

בשייכות צו דעם עבודת התפלה פון רביה"ק זי"ע איז אינטערסאנט אן אויסדריק וואס ווערט נאכגעזאגט בשם הגה"צ מו"ה רבי רפאל זילבער ז"ל ר"מ בישיבתינו הק' ומחבר ספרי מרפא לנפש - ער פלעגט זאגן אז דער חילוק וואס ער האט געזען צווישן די עבודת התפלה פון אנדערע צדיקים בדורו און דאס דאווענען פון רבי'ן זי"ע, איז אז די צדיקים האבן געדאווענט בבחינת תובע, און דער רבי זי"ע דאווענט ווי א מתחנן. דער רבי האט מפציר געווען מיט זיינע הייליגע תפלות כבן המתחטא לפני אביו, מיט א הרגש פון לית לי מגרמי כלום, פאר'ן רבין איז זיך גארנישט געקומען, טראץ זיין מס"נ פאר השי"ת האט ער ביי זיך נישט געהאט קיין שום קרעדיט ביים אייבירשטען, נאר געבעטן חסדו ית' חסד חנם, טראץ זיינע גרויסע מדריגות גבוהות האט זיך ביי דאווענען גארנישט דערהערט נאר אני עבדך בן אמתך, אלעס בתכלית השפלות, מיט א צובראכנקייט עד דכדוכה של נפש, כדלים וכרשים דפקנו דלתיך.

דער רבי האט זיך מתחנן געווען און געבעטן לא בחסד ולא במעשים נאר מאוצר מתנת חנם, ווי עס האט אויך מעיד געווען הגאון רבי יצחק הוטנער ז"ל אז דער סאטמאר רב איז א דוגמא פון א מתחנן.

דער זוהר הק' פרשת בלק רעכנט אויס דריי סארט תפלות, תפלה למשה, תפלה לדוד, תפלה לעני. די ערשטע צוויי זענען גרויסע הויכע תפלות פון צדיקים יחידי הדורות, אבער דער זוהר הק' פירט אויס מאן חשיבא מכלהו, הוי אימא תפלה דעני. די תפלה שטייט העכער פון תפלה דמשה, העכער תפלה דדוד, און העכער יעדע תפלה פון דער וועלט. מאי טעמא, בגין דעני איהו תביר לבא, וכתיב (שם לד יט) קרוב ה' לנשברי לב וגו', וקודשא בריך הוא אצית ושמע מלוי.

דער זוהר הק' איז דארט מאריך אז די תפלות העני וואס דאווענט מיט א צעבראכנקייט עפענען אלע הימלען, און זענען מעלה אלע תפלות ישראל, תפלה לעני כי יעטוף, עס וויקלט איין אלע אנדערע תפלות ולפני ה' ישפוך שיחו, עס גייט ארויף גראד לפני ה'.

דער זוהר הק' זאגט ווען דוד המלך האט דאס געזען אז ס'איז נישט דא קיין תפלה וואס השי"ת הערט אויס מער ווי די צלותא דמסכנא, האט ער זיך געמאכט אן עני, **עבד גרמיה עניא ומסכנא, פשט לבושא דמלכותא, ויתיב בארעא כמסכנא**, אמר תפלה, דכתיב תפלה לדוד הטה ה' אזנך ענני, ואי תימא אמאי, בגין כי עני ואביון אני וכו'.

דער רבי האט נישט געדאווענט קיין תפלה למשה אדער תפילה לדוד וואס ווייזט מער אויף מדריגות נאר תפילה לעני עבד גרמיה עניא ומסכנא, פשט לבושא דמלכותא, ויתיב בארעא כמסכנא.

## די נקודה וואס די רבי האט געמאנט; א ריינע תנועה של אמת:

די גמרא אין עבודה זרה דף י"ח פארציילט:



# נייעס און באַריכטן

### וואס זענען לעצטענס געליפערט געוואָרן אויפ'ן "קול נטרונא" סיסטעם

ווען רבי יוסי בן קיסמא איז קראנק געווארן איז רבי חנניא בן תרדיון אים געגאנגען מבקר חולה זיין, האט אים רבי יוסי בן קיסמא געזאגט **חנינא אחי אי אתה יודע שאומה זו מן השמים המליכוה שהחריבה את ביתו ושרפה את היכלו והרגה את חסידיו ואבדה את טוביו ואני שמעתי עליך שאתה יושב ועוסק בתורה ומקהיל קהלות ברבים וספר מונח לך בחיקך**, רבי יוסי בן קיסמא האט דאן געזאגט פאר רבי חנניא בן תרדיון אז זיין הרבצת התורה וועט האבן א טראגישע אויסלאז, אזוי ווי עס איז טאקע געווען אז די רוימער האט אים גע'הרג'ט צווישן די עשרה הרוגי מלכות.

די גמרא דערציילט ווייטער אז רבי חנניא בן תרדיון האט געפרעגט רבי יוסי, רבי מה אני לחיי העולם הבא, צי וועל איך זוכה זיין צו האבן עולם הבא, האט רבי יוסי אים געזאגט, כלום מעשה בא לידך, האסט עפעס מעשים טובים געטון, אמר לו, האט רבי חנניא פארציילט אז מעות של פורים נתחלפו לי במעות של צדקה וחלקתים לעניים, ער האט פארטיילט אסאך געלט פאר צדקה, דערויף האט אים רבי יוסי בן קיסמא געזאגט, אם כן מחלקך יהי חלקי ומגורלך יהי גורלי.

באמת איז די גמרא א שטארקע פלא, דער גרויסער רבי חנניא בן תרדיון וואס האט מקהיל געווען קהלות פאר אידן מיט מסירת נפש האט באקומען די הבטחה פאר עולם הבא, נאר נאכדעם וואס ער האט דערציילט איבער א מעשי צדקה וואס ער האט געטון, וואס איז אויבנאויף פיל א קלענערע מדריגה און פעולה קטנה קעגן דעם גרויסן הרבצת תורה מיט מסירת נפש ממש.

דער רמב"ם אין פירוש המשניות פארענטפערט אבער די קשיא און לערנט דערפון ארויס א יסוד גדול. דער רמב"ם זאגט אויף די משנה רבי חנניה בן עקשיא אומר רצה הקב"ה לזכות את ישראל לפיכך הרבה להם תורה ומצות, אז דערפאר האט השי"ת געגעבן אזויפיל מצות, ווייל ווען א מענטש טוט אפילו איין מצוה מיט די גאנצע שלימות אן קיין שום פניות און זייטיגע כוונות, נאר טאקע בלויז לשמה מאהבה, איז ער דערמיט זוכה צו חיי עולם הבא, דערפאר זאגט רבי חנניא בן עקשיא אז דער אויבערשטער האט געגעבן אזויפיל מצות, כדי דער מענטש זאל כאטש איין מאל אין לעבן טון איינע פון די מצות מיט'ן גאנצען שלימות, און דאס וועט אים ברענגען צו חיי העולם הבא.

מיט דעם איז דער רמב"ם מבאר די דברי חז"ל מה ששאל ר' חנניא בן תרדיון מה אני לחיי עוה"ב, והשיבו המשיב כלום בא מעשה לידך, כלומר נזדמן לך לעשות מצוה כהוגן השיב כי נזדמנה לו מצות צדקה על דרך שלמות ככל מה שאפשר וזכה לחיי העוה"ב. טראץ דעם וואס רבי חנניא בן תרדיון האט זוכה געווען צו זיינע הימלישע מדריגות פון יושב ועוסק בתורה ומקהיל קהלות ברבים וספר מונח לך בחיקך, האט ער אבער באקומען דאס מערסטע שכר אויף די איינע מצוה פון צדקה וואס איז געווען אינגאנצן לויטער און בשלימות.

די עבודה פון רביה"ק זי"ע מיט עדת צאן מרעיתו איז געווען אט די נקודה, דער רבי האט געשטרעבט לזכות את ישראל און פארענטפערט די פראגע פון מה אני לחיי העולם הבא. אין צוגאב צו זיינע גרויסע השגות דאחיד בשמיא וארעא וואס מיר האבן דערינען נישט קיין השגה, איז אבער געווען זיין ענין צו משריש צו זיין אין אידן די ריינע נקודה של אמת, ווי ס'איז געווען מרגלי' בפומיה '**מ'זאל האבן כאטש איין אמת'ע תנועה פארן בורא כל עולמים**', ווייל נאר אזוי קען מען זוכה זיין לחיי עוה"ב. דעם רבי'נס הארוואניע איז געווען אז מען זאל דינען דעם אויבערשטען מיט אַן אמת און ריינקייט, די עבודת ה' זאל זיין סלת נקי' לשם שמים.

אט דערפאר האט מען ביים דעם רועה ישראל קיינמאל נישט געזען די ענינים פון צוזאמנעמען גרופעס און אויפבויען די רייען, אויך ווען עס האט זיך געהאנדלט ביי דברים טובים. אלעס איז געווען באזירט מיט א פנימיות'דיגע עבודה שבלב, מיט א ריינקייט און אן אמת. דער רבי האט קיינמאל קיינעם נישט איינגעטיילט און באפוילען ספּעציעלע הדרכות נאר וויפיל מען טוט און וואס מען טוט זאל מען מיינען דעם אייבערשטען ווייל דאס איז דער עיקר צו געפינען חן ביים בורא עולם, ווי דער חובת הלבבות זאגט דאס לשון אין שער יחוד המעשה פרק ו', **השתדל בכחך לזכך מעשיך, ואם ימעט. יותר ממה שתשתדל שיהיה רב בלתי זך, כי המעט הזך הוא רב, והרב הבלתי זך הוא מעט, ואין בו תועלת**. די נקודה פון עבודת ה' וואס די רבי האט מיט אונז געלערנט איז געווען דער זך המעשה, אויך ווען עס איז געווען קליין זאל עס אבער זיין ריין, און אלס אזוי האט מען נישט עוסק געווען אין די אלע אויפגעבלאזענע פעולות וואס קלינגט גוט אין דער עפנטליכקייט אבער דאס ריינקייט און טהרת הלב פעלט דערפון.

## וְתִבְחַר לְשׁוֹן עֲרוּמִים:

דאס ענין פון תנועה של אמת בלתי לה' לבדו איז אויך געווען קענטיג אין דעם וואונדערליכן מהלך פון רביה"ק זי"ע מיט זיינע ארומיגע, ובמקום גדולתו שם אתה שפלותו וענתנותו, אין דער צייט וואס אנדערע רעדן א שפראך וואס איז טויזנט מאל העכער זייערע השגות, האט דער רבי זיך אראפגעלאזט און גערעדט טויזנט מדריגות אונטער זיינע גרויסע מדריגות, ער האט קיינמאל נישט גערעדט מיט א לשון מדברת גדולות, און ממאס געווען די ברייטע שפראך און פאלשע התרברבות, אדרבה אלעס איז צוגעגאנגען מיט א ארגענעלקייט און עוז וחדוה במקומו, דער גדול הדור וואס האט געשאקלט מיט די וועלט האט געקענט לייכט שמועסן מיט אימיצען, עד כדי כך אז צומאל האט מען אינמיטען א שמועס אהין און צוריק, זיך געקענט פארגעסן אז מען שטייט דא פאר א מלאך ה'.

## ולישרי לב שמחה:

דער רבי איז געווען דער ריכטיגער סרסור בין ישראל לאביהם שבשמים, וירד משה מן ההר אל העם אלס מעקלער צו ארייננשיינען אין אידן דעם נועם האמונה מיט'ן גאנצן אמת אן קיין רמי' און תנועה של שקר. די באנעמונג פון רבין איז געווען בבחינת עוז וחדוה במקומו, אין זיין אנוועזנהייט איז דער גאנצער ארום געוועהן מלא שמחה וחיות, זיין צהלות הפנים מלך ביופיו און זיינע ווערטלעך האט שופע געוועהן שמחה פאר יעדן, אור זרוע לצדיק ולישרי לב שמחה, דאס קען מען נאך היינט זען אין די בילדער משנים קדמוניות, אין יעדע בילד ווי די רבי שמועסט מיטן ציבור שמייכעלט דער גאנצער ארום, די קנאות מחמת חן דקדושה צוזאמען מיט אהבת ישראל האט צוגעצויגען אידען לכו ונלכה באור ה', און האט כאראקטעריזירט

# נייעס און באַריכטן

## וואס זענען לעצטענס געליפטערט געוואָרן אויפ'ן "קול נטרונא" סיסטעם

דאס פשטות און אמת וואס האט געקוועלט פון דעם צדיק הדור.

## הוי מתלמידיו של אברהם אבינו:

די משנה אין אבות זאגט מַה בֵּין תַּלְמִידָיו שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ לְתַלְמִידָיו שֶׁל בִּלְעָם הָרָשָׁע, עין טובה, ורוח נמוכה, ונפש שפלה, מתלמידיו של אברהם אבינו. עין רעה, ורוח גבוהה, ונפש רחבה, מתלמידיו של בלעם הרשע. די ספה"ק זענען מסביר אויף די ווערטער פון משנה מה בין תלמידיו, אז ביי תלמידים איז דאס מערסטע ניכר ווער דער רבי איז געווען און וואס ער האט מנחיל געווען פאר זיי. ביים רבי'נס תלמידים איז אלץ געווען קענטיג די נקודה פון שפלות רוח און ריינקייט, א צעבראכנקייט, מען זאל זיך נישט נארן און וויסן וואו מען האלט, מכיר זיין ערכו. אן קיין פוסטע בארימעריי און טבעיות'דיגע שטאלץ. די אמת'ע סאטמארער תלמידים האבן אלץ געשפירט ביי זיך א הכנעה פארן השי"ת און געוואוסט אז מען האט נישט יוצא געווען.

טראץ דעם וואס ער איז געווען דער גרויסער מעמיד הדת על תילה, שר התורה והיראה ויחיד הדור, איז דער רבי זי"ע שטענדיג געווען ביי זיך כחרס הנשבר, ווי די גמרא זאגט אין מסכת חולין אויף די אמת'ע רועי ישראל נתתי גדולה לאברהם, אמר לפני "ואנכי עפר ואפר", למשה ואהרן אמרו "ונחנו מה", לדוד אמר "ואנכי תולעת ולא איש". דער רבי וואס האט כל ימיו זיך מוסר נפש געווען למען כבוד שמו יתברך און האט מיטגעמאכט אזויפיל צרות ומכאובים, האט אבער געוויינט ביי די הייליגע תורות מיט א פחד אז מען זאל נישט נדחה ווערן, דער צדיק האט געציטערט מיט א אמת'ע פחד ווען עס איז געקומען די הייליגע טעג און האט געוויינט מיט א זארג באין מליץ יושר מול מגיד פשע.

## צום שלוס: מיר שטייען יעצט ביים פארהער:

א טרעפליך ווארט איז מטו משמי' דחסידי קמאי, נאך דעם גרויסן בראך ווען ס'איז געווען חשכו הרואות בארובות און דער רבי זי"ע איז נתעלה געווארן לגנזי מרומים האבן אידן צווישן זיך געשמועסט, זאגנדיג מיט וויטאג, אז בהלו נרו על ראשינו אין די געזונטע יארן ווען דער רבי איז געווען צווישן אונז **האט ער געלערנט אמונה** מיט אידן בכל עת מצוא, שפעטער ווען ס'איז געווען דער והוא מחולל מבפשעינו און דער רבי זי"ע איז שוין שוואכער געווען אין די לעצטע יארן איז געווען **דער זמן פון חזרה**, מען האט צווישן זיך איבערגעג'חזר'ט די הייליגע דיבורים און מען האט געהאט די זכי' צו הערן פון רבי'ן צייטנווייז די יסודות האמונה. אצינד ווען דער רבי זי"ע איז שוין נישטא, איז געקומען די צייט זיך **צושטעלן צום גרויסן פארהער**... יעצט איז דער שעת נסיון ועת מבחן ווען מען ברויך זיך שטארקן און עומד זיין בנסיון, דאס איז בלויז דורך לערנען די הייליגע ספרים און גיין אין זיינע דרכים, און אזוי קענען עומד זיין אין דעם גרויסן נסיון.

***

די גמרא פארציילט אין מסכת בבא מציעא (דף פ"ה ע"ב) אז די הייליגע אמוראים האבן זיך געפארכטן אריינציגיין אין די מערה פון ר' חייא ווי די גמרא זאגט דאס לשון "באתר זקוקין דנורא ובעירין דאשא מאן עייל", אין די ענדע דערציילט אבער די גמרא אז זיי זענען יא אריינגעגאנגען און געזאגט פאר ר' חייא "מתנייתא דמר קמתנייתא" מיר לערנען דיינע הייליגע רייד און הארעווען אויף די תוספתא וואס ר' חייא האט מסדר געווען.

מה נורא המקום הזה, אצינד ווען אידן גרייטן זיך לעלות למקום מנוחת קדשו פון מרן רבינו הק' זי"ע, זיך אויסבעטן אלעס גוטס. **ווי איז נאך שייך א גרעסערע הכנה ווי צו פארשפרייטן די "מתנייתא דמר", שיטתו הבהירה ודעת קדשו, די הייליגע תורה אשר שם משה לפני בני ישראל כל ימיו אשר חייו** אט אזוי וועלן מיר די זכי' האבן אריינציגיין באתר זיקוקין דנורא, אויספועל'ן ישועות פאר זיך און גאנץ כלל ישראל.

**אשריהם לצדיקים לא דיין שהן זוכין אלא שמזכין לבניהם ולבני בניהם עד סוף כל הדורות.**

דעם רבינ'ס זאַך איז אָבער אַ נצחיות. בכחו ובזכותו של אותו זקן טוליעט דער 'אש תמיד תוקד' ווייטער מיט איר פולסטע שיינקייט. דעם רבינ'ס ענין, דעם רבינ'ס האָראָוואַניע מיט בלוט-און-טרערן, די מלחמה לה' בעמלק ווערט ווייטער פאָרגעזעצט, און מוסד הק' 'נטרונא' האָט בעז"ה די זכי' געהאַט ממלא צו זיין רצון צדיק, ממשיך זיין די פעולות צדיק לחיים און דינען ווי אַ דאַך-אָרגאַניזאַציע פאַר די פילע פעולות חובקות למען כבוד שמו יתברך.



איבערהויפט אין די לעצטע תקופה איז אריינגעלייגט געווארן אומערמידליכע כוחות צו באקעמפן די ביטערע גזירת הגיוס וואס שוועבט אויף אחבנ"י יושבי ארה"ק, נטרונא האט אינוועסטירט עפרות זהב אינאיינעם מיט ריזיגע אקטיוועטען צו פארשפרייטן דער ווי געשריי פון דעם ערליכן אידנטום קעגן די מזימות רשע פון די משנאי ה'. **דאס זעלבע האלט מען אצינד אינמיטן פון דעם מאכטפולן ראדיא קאמפיין מיט קאסטבארע רעקלאמעס וועלכע ווערן געליפטערט צו מסיר זיין דעם**

Neturei Karta True Torah Jews

# נייעס און באַריכטן

## וואס זענען לעצטענס געליפטערט געוואָרן אויפ'ן "קול נטרונא" סיסטעם

**חרון אף מישראל און מען זעט ב"ה באלדיגע רעזולטאטן מיט דעם ווייטגרייכנדע אפקלאנג וואס האט אפגעהילכט מסוף העולם ועד סופו.**

יעצט מער ווי אלעמאל איז וויכטיג אז תלמידים וחסידים ביי וועמען עס טלויעט נאך די הייליגע פייער וואס דער רבי זי"ע האט אנגעצינדען אין אונזערע הערצער, **זאלן זיך אנשליסן אין האבן א חלק אין דעם רבי'נס ארגאניזאציע וואס טוט ממלא זיין רצון קדשו מיט אזויפיל מסירת נפש.**

מוסד הק' נטרונא וואס איז מקיים די הייליגע שליחות דעם גאנצן קיילעכיגן יאר קומט ארויס מיט א געבעט צו אחינו לדעה, כולנו בני איש אחד נחנו, צו זיך אנשליסן אלס הכנה צו דעם גרויסן יארצייט, דורך ווערן א מעמבער אין די ארגענעזאציע, און נעמען א חלק אין זיין ענין פון מלחמה לה' בעמלק.

**כמעשהו בחול כך מעשהו בשבת.** טייטשן די ספרים הק' אַז אַלעס וואָס דער צדיק טוט דאָ אויף דער וועלט בחיים חיותו, איז ער דאָס ווייטער ממשיך נאָך די הסתלקות לחיי עולם הבא. "כך מעשהו בשבת" אויפ'ן עולם העליון איז ווייטער דאָ אַ נצחיות'דיגע המשכה צום עבודת הצדיק בעולם הזה.

**מה כאן עמד ומשמש אף שם עומד ומשמש.** בחיים חיותו איז דער הייליגער רבי זי"ע געווען דער לבן ואבוהון של ישראל, יעדע צער פון א איד יעדע דאגה פון א איד איז געווען זיין פערזענליכע ווייטאג, און זיין גאנץ ענין איז געווען עוסק צו זיין בצרכיהם של ישראל. אינאיינעם מיט די שווערע מלחמה וואס דער רבי האט אויף זיך גענומען לוחם צו זיין מיט די כוחות הטומאה איז צו די זעלבע צייט האט דער רבי כל ימיו אשר חי' מיט די לעכטיגע תפלות און תורות געשפאלטן הימלען ממליץ צו זיין אויף אידן בשמי מעל ווי א איבערגעגעבענער פאסטוך פאר עדת צאן מרעיתו.

יעצט ווען בלויז עטליכע טעג טיילט אונז אפ פונעם גרויסן יארצייט טאָג ווען אידן גרייטן זיך פוקד צו זיין דעם ציון הק' בדבר ישועה ורחמים, איז בלי שום ספק אז אף שם עומד ומשמש, דער הייליגער רבי וועט ווייטער זיין א גוטער בעטער פאר אידן, ס'איז זיכער אָן קיין צווייפל אז דורך נעמען א טייל אין דעם רבי'נס ענין, די הייליגע מלחמה אויף וואס ער האט מקריב געווען חלבו ודמו, ווערט מען נכלל אין די תפלות פון דעם צדיק, די אידן וואס העלפן ווייטער ממשיך צו זיין דעם רבין'ס אש קודש, דעם רבין'ס ווילן און שטרעבונג וואס ער האט שטענדיג געמאנט און געפאדערט להסיר חרון אף ה' מישראל, און מקדש זיין שמו יתברך בתחתונים, קענען זוכה זיין צו האבן א שייכות מיט'ן רבי'ן און פועל'ן אלעס גוטס ביומא דהילולא. און ווער וויל דען נישט זוכה זיין צו מקבל זיין פון דעם כח הנפלא וואס צדיקים באקומען אין זייער יומא דהילולא משפיע צו זיין פאר אידן ברכות וישועות עד בלי די.

לאמיר זיכער מאכען אז דער רבינ'ס ענין זאל ווייטער נמשך ווערן, **די הייליגע מלחמה זאל האבן א קיום אויף ווייטער, די פייערדיגע תורות און דרשות זאל ווערן ווייטער פארגעזעצט לשם ותפארת, שליסט אייך היינט אן אלס מעמבער פון נטרונא אין דעם גרויסארטיגן אלף המגן קאמפיין לעילו ולזכר נשמתו הקדושה פון רבי'ן, און גייט ארויף צום ציון מיט א רואיגן געמיט וויסענדיג אז איר האט געטון דאס אייעריגע,** דורכ'ן ערפילן רצון קדשו וואס האט געוואלט האבן א ארגענעזאציע מיט טויזנט אנגעשלאסענע מעמבער וואס זאל אנפירן די מלחמה לה' קבל תבל ומלואה.

ממקומו הוא יפן ברחמים דער רבי וועט אייך נישט שולדיג בלייבן און מגנזי מרומים משפיע זיין אוצרות מיט ברכות ישועות ורפואות, בני חיי ומזוני, ותשלים משאלין דלבאי ולבא דכל עמך ישראל לטב ולחיין ולשלם, לייגט עס נישט אפ, רופט יעצט דעם ספעציעלן אלף המגן ליניע אויף

**718-873-0756**

און שליסט אייך אן אלס מעמבער למלאות רצון צדיק.